# ניט פאַרמיטלונג נאָר קריטיק

אין דער רעצענזיע וועגן די „וואַרשעווער שריפטן" („ליט. בלעט." נומ. 5) באַרירט י. י. זינגער מיין אַרטיקל „קרוינען צום קאָפּ פון דער ידישער קריטיק". נו, מיינונגס־פאַרשידנהייט — אַ זאַך, וואָס איז שכיח. און איך וואָלט זיך נישט אַריינגעלאָזט אין וויכוחים.

אַזוי, אָבער, ווי דאָ האַנדלט זיך אין אַ פּרינציפּיעלער פראַגע מכח אַזאַ באַדייטנדיקן ענין ווי ליטעראַטור־קריטיק, — קען איך נישט פאַרבייגיין שטילשווייגנדיק.

„ווען די קריטיקער זאָלן זיין דאָס, וואָס שטערן וויל, וואָלטן זיי דאָך געווען דיקטער. און ווען מען קאָן אַליין זייען און שניידן, צו וואָס פאַרמיטלען ביי קאָרן?"

אָט דער זאַץ איז אַ דיקער טעות, וואָרים אין צווייען געפּלאָנטן. איך וויל כלל נישט די קריטיקער זאָלן זיין דיכטער. מיין פאָדערונג איז אַזאַ באַשיידענע. איך וויל בלויז זיי זאָלן זיין... קריטיקער.

ווער עס וועט אויפמערקזאַם לייענען מיינע „קרוינען צום קאָפּ פון דער ידישער קריטיק", דעם וועט נישט שווער זיין צו געפינען די גרעַנעץ־ליניע צווישן דיכטונג און קריטיק. קריטיק איז נישט דער טייטש „פאַרמיטלונג", טאַר אַזוי נישט זיין דער טייטש...

דערמיט וואָלט אָוועקגעפאַלן יעדע פליכט, איטלעך אחריות־געפיל, — הפקר־וועלט. לית דין ולית געשמאַק. קריטיקער אין רעצענזענטן וואָלטן זיך געפלאָדיעט ווי קאָמאַרן אויף אַ זומערדיקן פעלד. ווער קען דען נישט די מלאכה? אַי דער צוגאַנג איז פלאַך? אַי די

גאַנצע אָפּשאַצונג טרעפט אַריין אַקוראַט מיטן דישל אין לכה דודי? — טאָ וואָס מאַכט עס אויס? עס איז דאָך נישט מער ווי — פאַרמיטלונג!!

— ווארים די מעשה איז אַזוי. די כלה האָט אויף זיך אַ חוב צו סלוקן דעם נדן. דער חתן איז פאַרפליכטעט מקיים צו זיין די כתובה. אָבער דער שדכן טראַכט זיך: שלאָגט איייך קאָפּ אָן וואַנט. פון מיינעטוועגן מעגט איר באַלד נאָך דער חופה גיין צום רב נאָך אַ גט. אָבי מיין שדכנות איז שוין אָפּגענומען...

באַהאַלטנדיק די אינערלעכקייטן פון עכטן און קאָנצענטרירטן קריטישן שאַפן, האָב איך באַטאָנט, אַז אונדזער קריטיק וואָלט געמעגט זיין אַ שפּאָר ביסל בעסער ווי זי איז.

און דאָס מוז אַמאָל געזאָגט ווערן. קריטיקער זיינען נישט אומ־קאָנטראָלירבאַר. אויך זיי, די שאַצער — מוזן געשאַצט ווערן.

י. י. זינגער נעמט זי אין שוץ. און עס קומט אויס, אַז די יידישע קריטיק איז וואויל און פיין, דאַרף גאָר, קען גאָר בעסער נישט זיין. און זיין מאָטיווירונג: קריטיקער איז פאַרמיטלער.

צי ווען די קריטיקער הנאה האָבן פון זייער פאַרטיידיקער? איך בין שטאַרק מסופק.

אויב דורך קריטיק קען גאָרנישט דערגענטערט ווערן, גאָרנישט העלער ווערן, קיין שום פאַרבאָרגענע שיינקייטן אין דעם ווערק נישט אַנטפּלעקט ווערן, — טאָ וועלכע באַדייטונג האָט דעם קריטיקערס פאַרמיטלונג צווישן שרייבער און לעזער? בלויז פרסום. בלויז רע־קלאַמע פאַר ביכער?

ווייטער פרעגט מיך י. י. זינגער אַ קשיא: „פאַרוואָס מעגן אַלע אַנדערע געביטן האָבן זייערע געלערנטע, פאַרשער, און פאַרוואָס זאָל די ליטעראַטור נישט האָבן אירע געלערנטע, פאַר וועלכע זי זאָל דינען א. א. וו.“.

מיט אַ שורה פריער איז קריטיק געוועזן: מעקלעריי. יאָ ווי אַזוי איז עפּעס פון איר פּלוצלינג, מיט אַ שורה שפּעטער, געוואָרן אַ וויסנ־שאַפט? איז וויסנשאַפט — מעקלעריי?

צווייטנס: פאָלט מיר גאָרנישט איין צו פאַרלאַנגען מער. איך

וואָלט געווען העכסט צופרידן, ווען די אַלע, וואָס באַהאַנדלען לי־טעראַטור, זאָלן האָבן אַזאַ שייכות צו דיכטונג, ווי געלערנטע — צו וויסנשאַפט... דווקא פון דאָרטן דאַרפן מיר אַרויסלערנען, אַז יעדע זאַך פאָדערט פאַכמענישקייט, ספּעציאַליטעט, פאַרליבטקייט און באַרוף.

איצט בלייבט מיר נאָך צו ענטפערן אויף י. י. זינגערס באַמערקונג, אַז „געבן וואָס דער קינסטלער האָט געגעבן — דאָס האָט שוין יער קינסטלער אַליין געגעבן. ווער עס פילט עס — פילט, און ווער נישט — וועלן קיין שום אינטערפּרעטאַציעס און איבערדיכטונגען נישט העלפן".

דאָס אייגענע קען מען דאָך זאָגן נישט נאָר וועגן קריטיק, נאָר אויך וועגן דעם עצם קונסט. מען קען, למשל, אַזוי זאָגן: וואָסער ווירקונג קען דען האָבן דיכטונג? ווער עס איז פּעאיק אויפצונעמען די איינדרוקן פון די וועלטישע געשעענישן — איז פּעאיק, — און ווער נישט — ווען קיין שום איבערדיכטונגען נישט העלפן...

און דאָס אייגענע וואָס דיכטער טוען מיטן לעבן — מאַכן קרי־טיקער מיט דעם בוך.

אויך אמתע קריטיק איז — ווילן, איז — גלויבן, — איז באַ־גייסטערונג, איז — פּערזענלעכקייט, ווייל אויך אמתע קריטיק איז שאַפונג.

איך געפין נישט פאַר נייטיק דאָ איבערצוגעבן אַלע מיינע מיי־נונגען און אויפפאַסונגען וועגן די ווערטן און מהות פון שעפערישער קריטיק. עס איז אוממעגלעך איבערצוגעבן אַן אָפּהאַנדלונג פון קנאַפּע דריי דרוק־בויגן אין אַן אַרטיקל. די נייגעריקע וועלן עס געפינען אין די „וואַרשעווער שריפטן".

איך האָב נאָר געוואָלט אויפמערקזאַם מאַכן אויף אייניקע טעותים, וואָס י. י. זינגער איז באַגאַנגען בנוגע דער אָפּשאַצונג פון קריטיק.

איך וויל זען ביי אונדז שיינע לירי קער, שיינע דערציילונגען, שיינע דראַמאַטורגן און — שיינע קריטיקער.